# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### שבת איז א רוחניות'דיגע שמחה

"וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם..." (במדבר י י)

פון דער נוסח פון מוסף אין שבת: "ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג...", זעט אויס אז עס איז דא א מצוה זיך פרייען אין שבת. א מקור אויף דעם ברענגט דער **'שבלי הלקט'** (ענין שבת סי' פב) אין נאמען פון **רבי אביגדור כ"ץ**, פון ספרי (בהעלותך עז) וואס דרש'נט דעם פאלגנדן פסוק: "'וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם' - אלו שבתות", זעהט מען קלאר אז שבת ווערט אויך אנגערופן א טאג פון שמחה. דער **בעל הטורים** לייגט צו א רמז אויף דעם: די ווארט "שמחתכם" איז בגימטריה: 'גם ביום השבת'.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין וויאזוי שטימט עס מיט וואס עס קוקט אויס פון די פוסקים (ראה רמב"ם שביתת יו"ט ו טז- יז) אז די מצוה פון שמחה איז דא נאר אין די ימים טובים, אבער שבת איז דא נאר א חיוב פון עונג?

ערקלערט **רבי אברהם חיים שור**:

ריכטיג, אויף א גופניות'דיגע שמחה זענען מיר באפוילן געווארן נאר אין די ימים טובים, אבער אין שבת זענען מיר באפוילן געווארן אויף א רוחניות'דיגע שמחה, וואס מיינט: זיך פרייען מיט השי"ת און זיין קעניגרייך, אזוי ווי מיר זען אז די מסדרי התפילה האבן עס באטאנט: "ישמחו **במלכותך** שומרי שבת".

'תורת חיים' חולין כו ב

### זאגן 'ויהי בנסוע' אקעגן די מזיקים

"וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה קוּמָה ה' וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ מִפָּנֶיךָ" (י לה)

א וואונדערליכער טעם אויף דער מנהג צו זאגן די קאפיטל פון 'ויהי בנסוע' בשעת'ן ארויסנעמען די ספר תורה צום ליינען (זעה 'ערוך השלחן' או"ח קלד ד), האט געזאגט דער ירושלימער רב הגאון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד**, אין זיין דרשה ביים מעמד חנוכת הבית פאר די ישיבה 'שפת אמת' וואס איז פארגעקומען חודש תמוז תרפ"ו:

עס איז באקאנט אז ווי מער די כח הקדושה שטארקט זיך, אזוי שטארקן זיך די מקטריגים אקעגן. און פון זוהר הקדוש (ויקהל רו א) זעט אויס אז ווען מ'נעמט ארויס די ספר תורה פון ארון איז א עת רצון וואס איז ספעציעל מסוגל צו בעטן אויף דברים שבקדושה און אויף עבודת ה', אזוי ווי די געהויבענע בקשות וואס ווערן דערמאנט ביי די תפילה פון 'בריך שמיה' וואס ווערט דארט אראפ געברענגט אין זוהר עס צו זאגן ביי פתיחת הארון. דעריבער בעטן מיר פריער: "קוּמָה ה' וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ מִפָּנֶיךָ", אויף די מקטרגים וואס ווערן נתעורר אקעגן, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין אז אונזערע בקשות וועלן אנגענומען ווערן.

'חכמת חיים'

### לאמיר נישט פארשפילן די עת רצון אויף 'קארטאפל'

"וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה וַיָּשֻׁבוּ וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר" (יא ד)

אין איינע פון זיינע שמועסן פאר די ישיבה בחורים האט דער **'חפץ חיים'** פארציילט:

ביים אויסברוך פון די באלשעוויקן רעוואלוציע אין רוסלאנד, און דער רוסישער צאר ניקאליי דער צווייטער איז ארעסטירט געווארן אין פאדאלסק, האט ער געבעטן פון זיינע כאפער'ס זיי זאלן צולייגן צוויי קארטאפל צו זיין טאג-טעגליכע פראציע... די אלע וואס האבן פון דעם געהערט האבן געלאכט פון זיין מצב; דער גרויסער צאר וואס האט געהאט אויף זיין טיש אלע ערליי געשמאקע עסן, האט נישט געטראפן אויף וואס צו בעטן, נאר צוויי קארטאפל...

זיינע ווערטער האט דער חפץ חיים געענדיגט מיט א שטארקן דערהער:

"מיינע פריינד! מיר זענען דאך די באליבטע קינדער פון הקדוש ברוך הוא. עס זענען דא געוויסע צייטן וואס מיר קענען בעטן פון אונזער פאטער אלעס וואס מיר גלוסטן, זאל יעדער ביי זיך אריינטראכטן צי ער פארשפילט נישט די געלעגנהייט מיטן בעטן פראסטע גשמיות'דיגע בקשות..."

'מכתבי החפץ חיים' דוגמא משיחות אבי אות לט

### ענטפערן 'אמן' דורך די אייגענע ווילן באשיצט פון פיינט

"וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם" (י ט)

אויך אין אונזערע צייטן וואס מיר בלאזן נישט מיט חצוצרות (זעה מג"א ריש סי' תקעו; שו"ת 'אגרות משה' או"ח ח"א סי' קסט) האבן מיר א וואונדערליכע מצוה וואס איז ספעציעל מסוגל עס זאל מקויים ווערן די הבטחה פון "ונושעתם מאיביכם", דאס איז די מצוה פון ענטפערן אמן:

אזוי דרש'ענען די חכמים ('תנא דבי אליהו' רבה י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

מיט דעם האט געטייטש **רבי חיים כ"ץ** א אייניקל פון סמ"ע דעם פסוק אין תהילים (יב ב): "הושיעה ה' כי גמר חסיד כי פסו אמונים מבני אדם" - "הושיעה ה'", טראץ "כי גמר חסיד כי פסו אמונים" - מיר האבן נישט מענטשן וואס געבן אכטונג און ווייסן די טייערקייט פון ענטפערן אמן, וואס אין דעם זכות זענען מיר פארזיכערט געראטעוועט ווערן פון אונזערע פיינט.

האדמו"ר **רבי משה יחיאל פון אוז'רוב** לייגט צו, אז מיר וועלן מדייק זיין אין די ווערטער פון די חכמים וועלן מיר זען, אז דער עיקר שיצונג וואס קומט דורך ענטפערן אמן איז ווען עס ווערט געענטפערט אויף אזעלעכע ברכות וואס עס איז נישט קיין חיוב זיי צו הערן, צ.ב.ש. "בני אדם שמשכימים ומעריבים לבית המדרש" כדי צו ענטפערן 'אמן' נאך די מברכים, און אזוי ווי עס איז מדויק אין לשון הפסוק: "**בהתנדב** עם ברכו ה'" - ווען איינער באוויליגט לויבן ה' דורך 'אמן' כאטש ער איז נישט מחויב מיט דעם.

'ארץ החיים' [פון ר"ח כ"ץ] תהלים יב א; 'באר משה' שופטים עמ' קסה

### פארדארבענע 'דגה' אן א ברכה

"זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם חִנָּם" (יא ה)

דער **זוהר הקדוש** (בהר קח א) טייטש: "'חִנָּם' - אן קיין ברכה". פארוואס טאקע האבן די אידן נישט געזאגט א ברכה אויף די פיש וואס זיי האבן געגעסן אין מצרים?

זאגט **רבי יעקב יהושע פראמאן פון לאדזש**:

אויפן פסוק (שמות ז כא): "וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ הַיְאֹר" זאגט דער רבינו בחיי (במדבר יא ה), אין יעדע פלאץ וואו דער פסוק כאפט אן "דָּגָה" מיינט עס פארדארבענע פיש, אויך דא האבן די אידן געזאגט: "זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם", ווייל די מצריים האבן נישט געגעבן פאר די אידן די פרישע פיש וואס זיי האבן היינט ארויסגענומען פון וואסער, נאר וואס זענען שוין געווען ביי אים אין הויז פיר צי פינעף טעג וואס זענען שוין געווען פארדארבן. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס האבן די אידן נישט געזאגט א ברכה בעפאר זיי האבן געגעסן, ווייל מ'זאגט נישט קיין ברכה אויף פארדארבענע און פארשימלטע עסן (זעה שו"ע או"ח רד א און משנ"ב שם ס"ק ב).

'נחלת יעקב יהושע'

### אן טראכטן פילט מען נישט

"וְהָיָה טַעְמוֹ כְּטַעַם לְשַׁד הַשָּׁמֶן" (יא ח)

הגאון **רבי שמעון שוואב** רב פון 'קהל עדת ישורון' אין 'וואשינגטאן הייטס' אין מאנהעטן האט דערציילט: "ווען איך האב זוכה געווען אריינגיין אין צימער פונעם **'חפץ חיים'**, האט ער מיך געפרעגט וואס איז מיין מיינונג איבער דעם וואס חז"ל זאגן (יומא עה א) אז די אידן האבן געפילט אין די מן וועלעכע טעם עסן זיי האבן געוואלט; 'וואס איז געווען אויב זיי האבן אינגאנצן נישט געטראכט?', ער האט נישט געווארט אויף א ענטפער, נאר האט באלד געענטפערט מיט א שארפקייט: "עס איז ביי מיר קלאר, ווער עס האט נישט געטראכט האט גארנישט געשפירט, פשוט, ווייל די מן איז דאך געווען א רוחניות'דיגע שפייז, און אזוי ווי ביי יעדע רוחניות'דיגע זאך - אויב טוהט מען אן טראכטן, האט עס נישט קיין טעם".

און האט צוגעלייגט אויף זיין שפראך: "א מ'לערנט אום מ'טראכט ניט - האט דאס קיין טעם ניט, אז מ'דאוונט און מ'טראכט ניט - האט דאס קיין טעם ניט!".

'לתתך עליון'




דער טאג כ' סיון הבעל"ט איז דער טאג וואס די קאזאקן האבן דאס מערסטע גע'הרג'עט די אידן הי"ד, אין די שרעקליכע יארן פון ת"ח-ת"ט.

אין קונטרס 'מורא מקדש' וואס איז געדרוקט אנהייב ספר 'רב ייבי', ווערט געברענגט אז אין יענע טעג איז פארן 'תוספות יום טוב' אנטפלעקט געווארן, אז דאס אלעס האט פאסירט פאר די אידן ווייל זיי האבן גערעדט ביים דאווענען און ביים ליינען, און דעריבער האט ער מתקן געווען זאגן א ספעציעלע 'מי שברך' אויף די וואס געבן אכטונג נישט רעדן בשעת'ן דאווענען און ליינען.

**טייערע אידן**

**אין די צייט, לאמיר מקבל זיין אויף אונז נישט רעדן בשעת התפילה און קריאת התורה, נאר מקפיד זיין ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין אויף די ברכות וואס ווערן געזאגט ביים דאווענען און ביי קריאת התורה, און בשכר זאת זאלן מיר געבענטש ווערן מיט אלע ברכות וואס ווערן געברענגט אין דער נוסח פון 'מי שברך' וואס דער 'תוספות יו"ט' האט פארפאסט, ונאמר אמן!**



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אשר יצר' - 'רופא כל בשר' (אריינפיר)

### דער קערפער - א וואונדערליכער מאשין

יעדן אינדערפריה, ווען מיר וועקן זיך אויף פון די נאכט-שלאף און מיר שטייען אויף אונזערע פוס געזונט און פריש, דערמאנען מיר זיך פון דער וואונדערליכער-מאשין וואס דער באשעפער האט אונז צוגעשטעלט כדי מיר זאל אים קענן דינען און מקיים זיין זיינע מצוות אן קיין שטערונג און שטרויכלונג; דאס איז די וואונדערליכע און קאמפליציטרע סיסטעם פון דער קערפער וואס השי"ת האט אונז געשאנקען ברוב רחמיו וחסדיו.

אין די סיסטעם איז נישטא איין איבעריגע איינצעלהייט. יעדע טייל איז ווי א 'עולם מלא', סיי דאס נוצן וואס מיר האבן פון דעם און סיי אלץ די געטליכע און פארצווייגטע חכמה וואס ליגט אין דעם. די חכמה מיט וואס דער קערפער איז באשאפן געווארן, ווייזט אונז די ליבשאפט פונעם באשעפער צו זיינע באשעפענישן ('יערות דבש' ח"א דרוש יד).

כדי צו לויבן אויף די גרויסע טובה ווי עס דארף צו זיין, זאגן מיר א עקסטערע ברכה, די ברכה פון 'אשר יצר', ווי דארט לויבן מיר הקדוש ברוך הוא אויף דעם וואס ער האט באשאפן אונזער קערפער מיט חכמה און פארשטאנד, און דאנקען אים אויף דעם גרויסן חסד וואס ער טוט מיט אונז יעדע מינוט און ספעציעל ווען מיר דארפן ארויסגיין אויף אונזערע געברויכן, ווען די אלע טיילן פון קערפער פונקציאנירן ווי עס דארף צו זיין, מיט א וואונדערליכע פונקטליכקייט, כדי מיר זאלן קענען ווייטער דינען דעם אייבערשטן געזונטערהייט. (די חכמים האבן מתקן געווען צו זאגן דעם נוסח דערנאך וואס איינער גייט ארויס צוליב זיינע געברויכן, אזוי ווי עס שטייט אין ברכות ס ב. און אין שו"ע או"ח ד איז דא שמועס וועגן זאגן די ברכה ווען איינער שטייט אויף און איז נישט ארויס צוליב זיינע געברויכן).

שטארקע התעוררות'דיגע ווערטער אין דעם ענין ווערט געברענגט אין 'ילקוט מעם לועז' (בראשית ח"א עמ' פח): "יעדער וואס איז זיך מתבונן אין דער סוד פון באשאפן דעם מענטש און זיינע גלידער, וועט זיך איבערצייגן אז דער מענטש דארף דינען דעם אייבערשטן מיט זיין גאנצע הארץ און זעל אפילו אן באקומען שכר אויף דעם, נאר צוליב די גרויסע חסדים וואס ער האט געטון מיט אונז - ער האט אונז באשאפן מיט אלע ערליי שלימות'ן. און ווייל דער אייבערשטער האט געטון אזא גרויסער חסד אז ער האט באשאפן דעם מענטש מיט אלע ערליי געזונטע גלידער, דעריבער דארפן מיר אים לויבן און דאנקען אויף דעם".

### די ברכה 'הגומל' יעדן טאג

וויבאלד די ברכה איז א עקסטערע לויב אויף די ריכטיגע פונקציאנירונג פון דער גאנצער קערפער בכלל און פון די פארדייאונג'ס סיסטעם באזונדער, שרייבן די ראשונים (זעה אין שו"ת 'מן השמים' סי' לד) אז די חיוב איז ענליך צו די ברכה 'הגומל' וואס דער קראנקער זאגט ווען ער ווערט אויסגעהיילט. ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערער קראנקער פון אזא איינער וואס זיין פארדייאונג'ס סיסטעם פונקציאנירט נישט ווי עס דארף צו זיין.

דער משפיע **רבי אליהו ראטה** איז שטענדיג געווען געוואוינט זאגן פאר זיינע תלמידים: "ענק פארשטייען דען צוליב וואס ענק דארפן זאגן 'אשר יצר'?! ענק זענען דאך יעצט אריבער א שווערע און קאמפליצירטע 'אפעראציע' פון ווא ענקער קערפער איז אויסגערייניגט פון די שמוץ, און אנשטאט די אפעראציע זאל דארפן געטון ווערן דורך איינשלעפן אדער ווייטאגן, האט דער גרעסטער דאקטער אויף דער וועלט - דער באשעפער אויף ענק רחמנות געהאט, און עס געטון אויף דעם גרינגסטן וועג אן באצאלט. קומט דען נישט ענק זאלן אים לויבן אויף דעם מיט כוונה?!" ('המברך יתברך' עמ' סד).

אויסער דעם, האט דער משגיח **רבי יחזקאל לעווינשטיין** געזאגט: דאס עצם זאך אז אין לויף פון צענדליגער יארן ארבעט אונזער קערפער אויף די זעלבע סיסטעם אן קיין שום טויש, איז א גרויסער נס. ווייל אויך די בעסטע מאשין אויף דער וועלט ווערט פון מאל צו מאל צובראכן פון אסאך נוצן, און אוודאי אונזער קערפער וואס איז צוזאם געשטעלט פון הונדערטער קליינע און פארגעשריטענע 'מאשינען' קען דאך עפעס געשען מיט דעם... און פון דעסוועגן שטעלט ער זיך נישט אפ פון ארבעטן יעדן טאג אסאך יארן ('אור יחזקאל' אמונה עמ' כא).

### מיט כוונה און שמחה

און אזוי שרייבט דער בעל **'סדר היום'** (כוונת הברכות): "און ער זאל זאגן די ברכה מיט כוונה ווארט ביי ווארט. און אריינטראכטן אין דעם גרויסן חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש יעדע מאל ווען ער דארף ארויס גיין אויף זיינע געברויכן ווען ער טיילט אפ פון זיך וואס ער האט געגעסן און קען ווייטער עקזיסטירן. ווען נישט דעם, וואלט נישט גענוג געווען די גאנצע געלט אויף דער וועלט אים צו היילן אז די שמוץ זאל זיך אפשיידן פון אים, און די ענדע וועט ער נאך שטארבן. און דער אייבערשטער מיט זיין רחמנות האט באשאפן עקסטערע שטובער אין דער קערפער אריינצונעמען וואס עס איז פאסיג און ארויסגעבן וואס עס איז נישט פאסיג, כדי דער קערפער זאל זיין גרייט אים צו דינען אגאנץ לעבן.

און אויב דער מענטש וועט זיין גאנץ אין זיינע מיינונגען און זיך ריכטיג פירן וועט ער קיינמאל נישט קראנק ווערן און וועט נישט דארפן צוקומען צו א דאקטער און צו זיינע רפואות. אויב אזוי, איז זיכער פאסיג צו זאגן די ברכה מיט א ריכטיגע כוונה און מיט די גאנצע דעת פארן רופא כל בשר ומפליא לעשות... און פון די ברכות פון א מענטש דערקענט זיך צי ער איז א תלמיד חכם און א ירא שמים צי ער איז א נאר".

און אזוי שטייט אין ספר **'דמשק אליעזר'** (אות א' ערך 'אשר יצר' ב):

אויב אלע ברכות דארפן מיר זאגן מיט יראה און אהבה, איז דאך זיכער די ברכה. ווייל מיר זען דאך מענטשן ארום אונז וואס פלאגן זיך אפ ביז זייער כלות הנפש אויף קערפערליכע איבונגען וואס זען אויס זייער איינפאך, און מיר קענען טון די זעלבע זאכן אן צו שפירן עפעס א ווייטאג. דעריבער וויאזוי קענען מיר זאגן די ברכה אן צולייגן הארץ, אינמיטן אפווישן די הענט, אדער נאך ערגער, פארגעסן אינגאנצן פון די ברכה.

דעריבער יעדער ערליכער מענטש זאל אכטונג געבן עס זאגן מיט גרויס שמחה, מיט יראה און אהבה, און אויב ער וועט אינזין האבן די פשט פון די ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל איז עס אויך גענונג, און ער וועט זיכער באלוינט ווערן פון ה' אויף דעם.

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע ליינער

צו די רעדאקציע פון 'וכל מאמינים'

יש"כ אויף די נייע אפטיילונג, וואו די געדאנקען פון די ליינער ווערן דארט אראפגעברענגט. לויט ווי כ'האב געזען אז די פריערדיגע שרייבער האבן פארבינדן צווישן די דף היומי און ענטפערן אמן, האב איך געטראכט אז איך וועל אויך שרייבן פאר ענק וואס עס איז ארויף אויף מייע געדאנקען בשעת'ן לערנען דעם 'דף היומי':

אין מסכת שבת (עז ב) ווערט געברענגט: אז די קלייד וואס די תלמידי חכמים פלעגן מיט דעם צודעקן זייער קאפ ווערט אנגערופן 'סודרא', על שם דער פסוק (תהלים כה יד): "סוד ה' ליראיו". איך האב געטראכט אז די ר"ת פון דער פסוק (מיטן כולל) איז בגימטריה אמן. ווייל מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווארצלט ארייין אין דער מענטש יראת שמים.

בכ"ר, הרב י.פ.א - מודיעין עילית

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א 'גרייז'יגע' תפילה וואס איז אנגענומען געווארן

יאר תרצ"ט. איין מינוט פאר די לעצטע, איז געלונגען פאר האדמו"ר רבי משולם ישכר אשכנזי פון סטאניסלאוו זי"ע פון די אלעסקער הויף, זיך ארויסראטעווען פון ווין די הויפט-שטאט פון עסטרייך און זיין וואוין-ארט, א קורצע צייט בעפאר די טויערן זענען פארשפארט געווארן דורך די רעגירונג, און זיך באזעצן אין לאנדאן, וואו דארט וועט ער אין די שפעטעריגע יארן עפענען זיין בית המדרש, וואס איז זייער שנעל געווארן ווי א מאגנעט פאר הונדערטער אידן וואס האבן זיך דערוואראעמט ביי זיין ליכטיגקייט.

רבי משולם ישכר האט נישט גערוהט, ער האט זיך ארום געקוקט און זענדיג אז עס פעלט אויס א פאבעסערונג אין די מצב פון די חינוך אין די תלמוד תורה'ס אין לאנדאן, האט ער באלד באשלאסן זיך אריינלייגן אין דעם מיטן גאנצן כח.

צווישן זיינע אנדערע אקטיוויטעטן צו מחזק זיין דאס אידישקייט, האט דער רבי געזען אז אין די אידישע תלמוד תורה'ס האט מען אנגעהויבן לערנען אל"ף-בי"ת נאר אין עלטער פון פינעף יאר, אזוי ווי מ'האט זיך געפירט אין די אלגעמיינע שולע'ס. די זאך האט אים זייער צוגעטרויטן צום הארץ, ווייל ער האט געזען אין דעם א געפערליכע ענדערונג פון די פריערדיגע אויסגעטרויטענע וועג פון חינוך וואס מ'האט זיך אזוי געפירט מדור לדור. געטראכט און געטון, ער האט זיך געוואנדן צו די מנהלים פון די אידישע תלמוד תורה'ס אין לאנדאן, ער האט משקיע געווען אסאך שעות איבעררעדן און באאיינפלוסן, ביז עס איז אים געלונגען צו באנייען די אלטע אידישע מסורת וואס מ'האט זיך געפירט אין גאנץ כלל ישראל ברענגען דעם דריי יעריג יונגל אין תלמוד תורה דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן, ווען ער איז פארדעקט אין א טלית, און אנהייבן אויסלערנען די אותיות שוין אין אזא יונגן עלטער.

רבי משולם ישכר האט שטארק ארויפגעקוקט אויף די חינוך אין גאר א יונגן עלטער, שעצענדיג די געוואלדיגע הארעוואניע קליינערהייט אויפן גאנצן לעבן, און צוליב דעם האט ער אגאנץ לעבן געשעצט זיין הארעוואניע. אין לויף פון זיין לעבן האט ער געזען אין דעם א גרויסע זכות וואס וועט אים באגלייטן אין בית דין של מעלה. אזוי ווייט האט ער עס געשעצט, אז אין זיין צוואה האט ער באפוילן מ'זאל אויסקריצן אויף זיין מציבה נאך זיין אריכות ימים ושנים, דאס וואס ער האט צוריק איינגעפירט דאס אלטע אידישע מנהג, און מזכה געווען די לאנדאנער יונגלעך, אנהייבן לערנען די אל"ף בי"ת אותיות אין עלטער פון דריי יאר.

און אזוי איז אויסגעקריצט אויף זיין הייליגע מציבה אין ביה"ח 'ענפיעלד' אין עק לאנדאן:

**"זכה לזכות את ילדי ישראל, תינוקות של בית רבן, שמיום ג' שנים ילמדו עמהם א' ב'... שאו רנה זו תפילה בעד נפשו חנינה, ובזכות זה אבותיו הקדושים ימליצו טוב גם בעדכם".**

זיין זון ממלא מקומו, הרה"צ רבי אורי אשכנזי זצ"ל פון סטאניסלאוו, וואס איז נאר לעצטנ'ס נפטר געווארן נאכן זיך אנשטעקן אין די שרעקליכע קאראנע ווירוס, האט דערציילט אין פארבינדונג צו דעם די פאלגנדע ערציילונג:

מעשה שהיה ביי א פאמיליע פון די לאנדאנער איינוואוינער, וואס צו זייער ווייטאג, זייער קליין יונגעלע, א קלוג און געלונגען קינד אין עלטער פון זעקס יאר האט בשום פנים ואופן נישט געוואלט לערנען די הייליגע אותיות. זיינע עלטערן וואס האבן זיך געזארגט אויף זיין צוקונפט האבן אים פרובירט איינרעדן אויף אלע ערליי וועגן, זיי האבן משקיע געווען אסאך צייט און פרואוונגען, און האבן זיך אויך געוואנדן צו די גרויסע ספעציאליסטן, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, דער מוח פונעם קינד איז כאילו פארשטאפט געווען פון צו הערן. ער האט נישט געוואלט פרובירן, און זיכער אז ער האט נישט מצליח געווען.

זיין איבערגעגעבענע מאמע איז געווען א ערליכע תמימות'דיגע אידישע מאמע. זענדיג אז אלע אירע סאך פרואוונגען האבן גארנישט אויפגעטון, האט זי באשלאסן פרובירן נאך א ריכטונג; זי איז אויפגעשטאנען פריה און ארויס פון איר הויז צו די ריכטונג פון די בית החיים 'ענפיעלד' אין עק לאנדאן, דארט האט זי געוואלט אויסגיסן איר הארץ און אויסזאגן גאנץ ספר תהילים אויף די קברים פון די צדיקים וואס ליגן דארט, האפנדיג אז זיי וועלן אין הימל מליץ טוב זיין אויף איר זון, די תורה און די הייליגע אותיות זאל באליבט ווערן אויף אים, און אזוי וועט ער קענען וואקסן א תלמיד חכם אזוי ווי זיינע עלטערן וואונטשן זיך.

אין א פארטאג'ס שטונדע זענען אירע פוס געשטאנען ביים ארייגאנג פון די בית החיים, און באלד אנגעהויבן איר עבודת הלב זו תפילה. אין לויף פון אסאך שעות איז די פרוי אריבער פון איין מציבה פון דער צדיק צו די מציבה פון אנדערע, ווען אירע ליפן מורמלען פסוקים תהילים און תפילות, ביז זי איז אנגעקומען צו די אוהל פון מיין טאטע רבי משולם ישכר פון סטאניסלאוו זצ"ל.

אירע פוס זענען שוין געווען מיד ווען זיי זענען געשטאנען ביי די אריינגאנג פון די הייליגע אוהל, זי האט זיך פארטראכט אין די אלטע מציבה און אירע אויגן האבן זיך אפגעשטעלט אויף די ווערטער וואס זענען אויסגעקריצט געווארן לויט זיין צוואה: "זכה לזכות את ילדי ישראל תינוקות של בית רבן שמגיל שלוש שנים ילמדו עמהם א' ב'...".

די פרוי האט נישט געענדיגט ליינען די פארזעצונג, און האט געמיינט אז עס האנדלט זיך פון א צדיק וואס איז געווען א מלמד, און דאס איז געווען פאר איר ווי א צייכן פון הימל. זי האט אויסגעברויכן אין א שטורעמישן געוויין ווען זי רעדט צום צדיק:

"דו האסט זוכה געווען עוסק זיין א גאנץ לעבן אין מחנך זיין אידישע קינדער און זיי אויסלערנען די הייליגע אותיות, וועסטו זיכער פארשטיין מיין גרויסער ווייטאג וואס נעמט מיך ארום אינגאנצן, ווען מיין זון, א ערליכער אידיש קינד, איז שוין מער פון זעקס יאר, און האט נאכנישט זוכה געווען אויפכאפן די הייליגע אותיות. איך בעט, דאוון פאר מיר ביים אייבערשטן ער זאל שוין ענליך קענען ליינען די אותיות".

נאכן זאגן עטליכע קאפיטלעך תהילים, איז די פרוי אהיים ווען אין איר הארץ שפירט זי א געפיל פון פארלייכטערונג, מיט די ריינע אמונה האט זי געפילט אז זי איז אנגעקומען צו די ריכטיגע אדרעס און אירע תפילות וועלן זיכער געהערט ווערן פאר השי"ת.

און טאקע אזוי, צו דעם גרויסן וואונדער, באלד נאכן זיך צוריק אהיים קערן האט זי שוין געזען א געוואלדיגע פארבעסערונג אין די אלגעמיינע אויפפירונג פון דאס קינד. א קורצע צייט נאכדעם האט זי פרובירט און נאכאמאל געלערנט די צורה פון די אותיות, און צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האט ער געפילט אז ער האט א געשמאק אין לערנען די אותיות. א צייט נאכדעם האט ער שוין געקענט ליינען אזוי ווי אנדערע קינדער אין זיין עלטער, ויהי לפלא.

'דרשו' ט' טבת תשע"ח

עיצובים shay